אין פלאנטער פון לעבן . . .

א חעכסט שפאַנענדער ראמאן פון דעם מאָדערנעם אידישן לעבן אין אמעריקע

פון מ. פ.

(פארזעצונג)

זיי זיינען איר אזוי באקאנט די דאזיקע אויגן... זי האט זיי ערגעץ וואו געזען... די אויגן זיינען איר אמאל געווען נאענט, אויגן...

די אויגן האבן אזוי ווי גערעדט צו איר, געבעטן זיך ביי איר.

אבער זי, נאר וואס זי איז, אנשטאט צו קוקן אין די דאזיקע אויגן, אנשטאט זוכן צו פארשטיין וואס פאר א גרוס די דאזיקע אויגן האבן געהאט צו איר אנשטאט דעם האט זי פארווארפן דעם קאפ, האט א קוויטש געטאן, האט גע'חלש'ט...

און די אויגן זיינען פארשוואונדן. מער וועט זי זיי ניט זעען.

אבער פון איר נעראנק זיינען זיי ניט ארויס. זי זעט זיי, פילט זיי. זיי לעבן פאר איר.

די אויגן האבן זי פארפאלגט ביי־טאג און ביינאכט, ביים אויפשטיין און ביין לייגן זיך, ביים שטיין אין איר קראם און ביים פארברייינגען מיט די קינדער.

זי האט אבער פאר קיינעם און מיט קיינעם וועגן דעם ניט גערעדט. זי האט געפילט, אז מען וועט לאכן פון איר.

און מערקווירדיק איז געווען וואס די אויגן האבן זי אזוי פארפאלגט דווקא דאמאלט, ווען וואלף גארבער פלעגט קומען צו איר צוגאסט.

און וואלף גארבער איז געווארן אן אפטער גאסט.

זי האט זיך ביסלאכווייז אזוי צוגעוואוינט צו אים, אז אין די אוונטן פלעגט זי שוין מיט אומגעדולד ווארטן אויף אים.

אפטמאל פלעגן זיי עסן סאפער צוזאמען.

דאס אלץ איז, דאכט זיך, געווען אזוי נאטירלאך, אומפארמיידלאך.

אזוי ווי דאס שיקזאל אליין וואלט זיי געשטויסן איינער דעם צווייטן אין די ארעמס אריין.

דורך זייער קינדערס פאראייניקונג, האבן זיי אליין אויך דערפילט ווי זיי זיינען דערנענטערט געווארן איינער צום אנדערן.

חוה האט אנגעהויבן פילן אז די ליידיקייט אין איר הארצן, די פוסטקייט אין לעבן, הויבט אן מיט עפעס זיך אויסצופילן. באקומט אן אינהאלט.

קען זי דען אנהויבן א לעבן אויף דאס ניי? נאך, זי האט געוואוסט אז דאס קען ניט זיין.

אבער איר נשמה האט נאך עפעס געבענקט. איר הארץ האט געוארט.

זי איז דאך אין אירע בעסטע יארן געווען. זי האט געפילט, אז זי הויבט אן איבערלעבן דאס, וואס מענשן רופן געוויינלאך אן די צווייטע יוגנט.

זי האט געשמייכלט צו זיך אליין. זי האט ניט געגלויבט אז א מענש קאן איבערלעבן צוויי מאל זיין יוגנט.

יעדער זומער, האט זי געזאגט, האט נאר איין פרילינג.

איר פרילינג און איר זומער איז לאנג שוין פאריבער.

איצט איז איר הערבסט.

אבער אויך דער הערבסט־האט גאלדענע, וואַרימע טעג, מיט זונשיין, מיט פרייד און מיט גליק.

צום ווינטער איז דאך נאך אזוי ווייט.

זי וואלט מיט פארגעניגן אויסגעשטרעקט אירע הענט צו די לעצטע גאלדענע שטראלן פון הערבסט.

נאר יענע אויגן... יענע אויגן...

ווערסט

איבער די רוישיקע גאסן פון דער רוישיקער שטאט האט זיך רוישיק געטראגן א טעקסי.

און אינווייניק, אין דער מאשין, איז געזעסן א פארל.

ס'איז געווען ביינאכט. בעסער געזאגט, פארטאג. דאס פארל איז געפארן א היים, נאך א רוישיקער נאכט אין א רוישיקן רעסטאראן.

אויך אין דער ווייטער וועסט איז דער גרויסער וועלט־שטאט סאן־פראנציסקא, ווייסן מענשן ווי אזוי טומעל־

אויך דארט זיינען די רעסטאראנען אנגעפילט מיט רייכקייט און מיט גלאנץ, מיט מוזיק און מיט טענץ, מיט יונגע מענשן און מיט שיינע פרויען.

די מאשין האט זיך געטראגן איבער די באלעבטע גאסן פון דער שטאט. מענשן האבן זיך גערעען אומעטום, אזוי ווו עס וואלט איצט אין מיטן טאג געווען.

נאר איין זאך איז געווען מאדנע: דאס פארל, אינווייניק אין דער מאשין איז געזעסן דערווייטערט איינס פון אנדערן.

ער איז געזעסן שטייף, מיט אן ערנסט פנים און פארשלאסענע ליפן, אריינגעקוקט אין איין ווינקל פון דער מאשין, און זי, איינגעהילט אין א ווייסען מאנטל, מיט האלב געשלאסענע דיק צו פארברייינגען זייערע נעכט. אויגן און אנגעבלאזענע ליפן איז שטילערהייט געזעסן אריינגעקוקט אין דעם צווייטן ווינקל פון דער מאשין.

עס איז געווען צווישן זיי ניט די פרעמדקייט פון מענשן וואס באגעגנען זיך צופעליק. נאר די אנגעצויגנקייט פון מענשן, וועלכע האבן ערשט דורכגעלעבט אן ערנסטע סצענע צווישען זיך. ס'איז געווען די אנגעשטרייינגקייט פון א נאך שטורעם סצענע צווישען מאן און ווייב.

די שטילקייט צווישן זיי איז געווען א דריקנדיקע און א שווערע. יעדערער פון זיי האט ווארשיינלאך געבעטן גאט, אז דאס פארן זאל וואס שנעלער זיך ענדיקן, און אז זיי זאלן ביידע וואס גיכער שוין קאנען ארויס פון זייער געפענגעניש.

די טעקסי האט זיך אפגעשטעלט ביי א־העלב באלויכטענעם האטעל. דער שאופער האט געעפנט דאס טירל. דער יונגערמאן, הויך שלאנק און בלאס מיט גוט־געפאסטע אוונט־קליידער, איז ארויס דער ערשטער. די דאמע, יונג און שיין און צארט, איז ארויס נאך אים. זי האט ניט געווארט ביז דער יונגערמאן האט באצאלט דעם שאפער נאר האט אליין, אן איר באגלייטער אנגעהויבן ארויפגיין די טרעפ וואס האבן געפירט צום האטעל.

דער יונגערמאן אזוי שנעל ווי ער איז פארטיק געווארן מיט דעם שאופער, האט געמאכט א שנעלע באוועגונג געוואלט אונטערשפרינגען עטלאכע טרעפלאך מיט אמאל אנצויאגן די דאמע און אננעמען זי אונטער דער האנט ווי עס פירט זיך ביי מענשן. אבער אין מיטן איילן זיך איז ער מיט אמאל אזוי ווי געבליבן אפהענגיק. ער האט אנגעהויבן גיין פאמעלאך, האלטנדיק די גאנצע צייט מיט א פאר טרעפלאך הינטער איר.

די גאנצע סצענע האט אפשר געדויערט ניט מער ווי א פאר סעקונדן, אבער א זייטיק שארף אויג האט געקאנט באמערקן, אז דער יונגערמאן גייט אזוי לאנגזאם דערפאר, ווייל ער וויל אפשר זעען, צי וועט די יונגע פרוי בלייבן שטיין און צוווארטן אויף אים. די יונגע פרוי האט אבער ניט געווארט. זי איז ווייטער געגאנגען ארויף מיט די טרעפ, שטיל און שטאלץ, אזוי ווי א קעניגין, און דער יונגערמאן איז נאכגעגאנגען פון הינטן, א פאר טרעפ נידעריקער.

ביי דער טיר פונם עלעווייטאר האבען זיי זיך באגעגנט, זיך אפגעשטעלט. שטומערהייט זיינען זיי אריין אין לאפט, שטילערהייט זיינען זיי ארויס ביים אכטן פלאר, און שטילערהייט זיינען זיי אוועק אין זייערע צימערן.

דער יונגערמאן האט געעפנט די טיר און האט די דאמע דורכגעלאזט די ערשטע.

זיי האבן דארט געהאט פיר רייך־מעבלירטע צימערן אין דעם האטעל. די צימערן זיינען געווען באלויכטן מיט ווייכן שיין וואס איז געקומען פון עלעקטרישע לאמפן, וואס האבן ארויסגעלויכטן פון הינטער ראזעווע שיין־פארשטעלער.

די יונגע דאמע ניט ווארטנדיק קיין איבעריקע מינוט און ניט ארונטערווארפנדיק פון זיך דעם אויבערמאנטל אפילו, איז אריין אין דעם איינציקן שלאפצימער, וואס זיי האבן ביידע פארנומען, און האט פארהאקט די טיר הינטער זיך.

דער יונגערמאן איז א ווײַלע געבליבען שטיין אין דער מיט פונם ערשטן צימער, אזוי ווי ער וואלט ניט געוואוסט וואס ער האט ווייטער מיט זיך צו טאן. דערנאך האט ער לאנגזאם, פארטראכטערהייט גענומען זיך אויסטאן.

ער איז געבליבן שטיין אין די הויזע העמד־ארבל. ער האט געוואלט ארויפציען אויף זיך זיין שלאפראק. אבער דער שלאפראק איז געווען אין שלאפצימער.

ער איז צוגעקומען ביז דער טיר און איז געבליבן שטיין.

ער איז געשטאנען אזוי א קורצע ווײַלע און האט זיך איינגעהערט.

אבער אין צימער איז געווען שטיל קיין שום קלאנג, קיין שום רויש האט מען פון דארט ניט געהערט.

דער יונגערמאן איז געשטאנען מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ. א שטילער, פארשטיקטער זיפץ האט זיך ארויסגעריסן פון זיין הארץ. ער איז געווען פארלארן, עלנט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך. ווי צו האנדלען.

ער האט זיך ארומגעקוקט מיט א צעשטרייטן בליק. זיינע אויגן האבן געוואנדערט איבער די גרויסע, טונקל־באלויכטענע צימערן. אלץ איז געווען אזוי שטיל, אזוי געמיטלאך. א פרעמדער מענש וואלט געקאנט מיינען, אז דאס איז א נעסט פון גליק און פון ליבע.

ווי לייכט עס איז מענשן אפצונארן, האט דער יונגערמאן געטראכט.

דאן האט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דער טיר.

די טיר איז, ווי פריער, געווען פארשלאסן.

און פון יענער זייט האט זיך ניט געהערט קיין שום קלאנג, קיין שום גערויש.

אזוי ווי אלץ וואלט דארט געווען אויסגעשטארבן, גלייך ווי קיין שום לעבעדיקער מענש וואלט זיך דארט ניט געפונען.

דער יונגערמאן איז געווארן אומרואיק. זיין הארץ האט זיך שווער געהויבן אראפ און ארויף.

מיט אמאל האט ער זיך אנגענומען מיט הארץ. ער האט אנגעקלאפט אין טיר.

ער האט געקלאפט מיט צוויי פינגער. לייכט, נערוועז.

פון דארט, פון אינווייניק, איז קיין ענטפער ניט געקומען.

איז זיין קלאפ געווען אזוי שוואך, אז זי, דארט אין צימער, האט דאס קלאפן ניט דערהערט?

דער יונגערמאן איז געווארן בלאס און אומרואיק.

ער האט געווארט א ווײַלע און האט דאן ווידער א קלאפ געטאן אין דער טיר.

דאס מאל אביסעלע שטארקער, אביסעלע העכער.

אבער אויך דאס מאל האט קיינער ניט געענטפערט.

דער יונגערמאן איז געווארן נערוועז, אויפגערעגט. א לייכטע רויטקייט האט זיך באוויזן אויף זיין פנים. ער האט ווידער א קלאפ געטאן. דאס מאל נאך שטארקער. דערצו האט ער נאך אנגעהויבן רופן מיט א שטיל־בעטענדיק קול:

— לוסי!... א, לוסי!... וואס טוסטו דארט, לוסי?

דאס צימער, פון יענער זייט, האט געשוויגן עקשנות'דיק און שטיל.

פון מינוט צו מינוט איז דער יונגערמאן געווארן אומרואיקער און אויפגערעגטער. ער האט איצט פארלארן דעם קאפ. ער האט פארלארן דעם קאנטראל איבער זיך אליין. ער האט פארגעסן זיין אנשטענדיקע באציאונג צו א דאמע. ער האט געקלאפט אין טיר כמעט מיט פארצווייפלונג און זיין שטימע איז געווען אנגעפילט מיט געוויין, מיט שרעק און מיט געבעט.

לוסי, לוסי! וואס איז דארט מיט דיר? וואס עפנסטו ניט די טיר? וואס ענטפערסטו ניט? וואס רעדסטו ניט א ווארט?

און ווען די טיר איז ווידער געבליבן שטיל, אן אן ענטפער, האט דער יונגערמאן, אין זיין העכסטער פארצווייפלונג, גענומען שפארן זיך אויף איר מיט זיין רעכטן אקסל. די טיר האט געקרעכצט.

— עפן לוסי! — האט ער געשריען מיט א האלב־פארשטיקט קול — עפן, אדער איך וועל די טיר אויסברעכן.

ערשט איצט האט דאס הענטל פון דער טיר זיך גענומען באוועגן אויף יענער זייט טיר. ער איז אויף א ווײַלע אפגעטראטן צוריק. די טיר האט זיך געעפנט.

אין דער טיר האט זיך באוויזן די יונגע פרוי. זי איז נאך געווען אין אירע פולע קליידער, אזוי ווי פריער. אפילו מיט דעם ווייסן מאנטל אויף זיך. אבער די קליידער אויף איר זיינען געווען צעקנייטשט און די האר פון איר קאפ זיינען געווען צעשויבערט. ס'איז געווען דייטלאך, אז די פרוי האט זיך ארייננעווארפן אין בעט, גלייך ווי זי איז אריין אין צימער, און אז זי האט שטארק געוויינט. פארגראבנדיק דאס פנים אין קישן. אירע אויגן זיינען געווען רויט פון וויינען.

זי האט א ווײַלע געקוקט אויף אים מיט א שטארקן בליק און דאן האט זי מיט בלאסע ליפן געפרעגט:

(ווייטערעס קומט)

צו אייער נייער היים

טים און מאטאר עקוויפמענט צו אייער באקוועמלאכקייט צו

מופן אייך בייטאג אדער ביינאכט

קוואליפיצירט אין יעדער הינזיכט און מיר באטן אן די סאמע מאדערנע עקוויפמענט און דערפארענע מענשן מיט העפלאכקייט.

PHONE 23 231 25 817

טראפיק דיוויזשאן

PHONE 87 654 87 655

National Cartage and Storage Limited

סייל פאסטערס

געמאכט

אין 24 שעה

שיין און צוציענד

ביי

"דאס אידישע ווארט"

מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו באצירן די פאסטערס

מיר טוען די גאנצע ארבעט

שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויסשטעלן אויפן סייל — און מיר טוען שוין פאר אייך דאס איבעריקע

שרייבט אין וועלכער שפראך איר ווילט צו

THE ISRAELITE PRESS LIMITED

165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409

ער האט זיין יוגנט-פריינט ניט געוואלט העלפן אין זיין נויט -

אבער דער פריינט האט אים מיט זיין איידעלן כאראקטער אויסגעבעסערט

פון י. ראזמאן

אויב א מענש, ווי פארדארבן ער זאל ניט זיין, האט נאך פארט א ברעקל געוויסן, קען ער אויסגעאיידלט ווערן דורך א געוויסער אורזאך, זיינע פארשלאפענע, בעסערע געפילן מוזן זיך דאן דערוואכן און ער אימשטאנד איינצוזעען ווי שלעכט ער האט זיך אויפגעפירט, ווי נארישער ער האט געלעבט און ווי ניט פארשטאנען ער האט דאס וואס מען רופט מענשלאכקייט.

ראבערט נארוואוד און סידני האפגוד, פון סטעמפארד, קאנעקטיקוט, זיינען געווען יוגנט פריינט, האבן זיך דערצויגן אין איין סקול, זיך קינדווייז געשפילט צוזאמען און ניט געקענט לעבן איינער אן דעם צווייטן. ראבערטס און סידנים עלטערן האבן געוואוינט אין איין בלאק פאר לאנגע יארן. זיינען געווען זייער באפריינדעט. גייען אפט איינער צו דעם צווייטן, איז קיין וואונדער ניט וואס די קינדער האבן זיך אויך צוגעבונדן איינער צום צווייטן און מען האט די צוויי אינגלאך אימערצו געזעען צוזאמען. אזוי האט דאס אנגעהאלטן אין פארלויף פון יארן, ביז וואנען ביידע אינגלאך האבן זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס, זיינען געווארן אומאפהיינגיק פון זייערע עלטערן און דאס שיקזאל האט זיי צעשיידט. נארוואוד האט איבערגענומען נאך זיין פאטערס טויט די ביזנעס, וואס זיי האבן געהאט און איז פארבליבן וואוינען אין סטעמפארד. האפגוד האט געהייראט פון א פרעמדער שטאט, איז דערנאך פארבליבן צווישן די פריינט פון זיין פרוי און פאר א צייט האבן זיך די צוויי יוגנט פריינט ניט געזען.

נארוואוד איז מיט יעדן טאג געווארן רייכער און, מערקווירדיק, וואס מער געלט ער האט געמאכט, אלץ מער האט ער געוואלט, זיך ניט געקענט אנזעטיקן מיט דעם. דאס האט געפירט דערצו, וואס ער האט קיין צייט ניט געהאט צו לעבן, קיין צייט ניט געהאט צו פארברייינגען מיט זיין אייגענער פאמיליע און אוודאי ניט מיט פריינט. נארוואוד האט געגעמבלט אין וואל סטריט, עס האט אים אפגעגליקט און געדיינקט האט ער אז דאס וועט שטענדיק אזוי אנהאלטן. דערפאר האט זיך דער מזל איינגאנצן אפגעקערט פון האפגודן, עס איז אים ניט געגאנגען און ער איז געווען פארצווייפלט.

איינמאל, ווען ער האט דערהערט ווי זיין פריינט נארוואודן האט עס אפגעגליקט און ווי רייך ער איז, האט ער באשלאסן זיך דורכצופארן אין זיין געבורטסשטאט און בעטן פון זיין חבר, ער זאל אים ארויסהעלפן, אדער געבן א שטעלע. נארוואוד האט האפגודן אויפגענומען גאנץ פיין. אבער דערהערנדיק צוליב וואס ער איז צו אים געקומען, האט ער אים קאלטבלוטיק גלייך אפגעשניטן, אז קיין געלט האט ער ניט און אז אלע שטעלעס זיינען ביי אים פארנומען. האפגוד האט פארביסן די ליפן און ניט זאגנדיק מער קיין ווארט איז ער מיט א פארדריקט הארץ אוועק פון זיין חבר, מיט וועמען ער האט פארבראכט אזויפיל יארן.

און גאר אינגיכן נאכדעם האט זיך דאס רעדעלע ביי נארוואודן א דריי געטאן אויף צוריק און עס האט אים גענומען גיין מיט דער פוטער אראפ. געשעען איז דאס מיט א פאר יאר צוריק, נאך די גרויסע וואל סטריט קראכן. נארוואוד האט פארלארן זיין גאנצן פארמעגן און איז נאך געבליבן שולדיק א גרויסע סומע געלט צו פרעמדע מענשען, וואס עס האט געשמעקט מיט פריזאן. און אין דער זעלבער צייט האט עס האפגודן דער מזל צוגעשפילט. זיין פרויס און אלטע מומע איז געשטארבן און פאר איר איבערגעלאזן א טייל פון איר פארמעגן וואס האט באטראפן נאענט צו 100,000 דאלאר.

איינמאל אין א פרימארגן האט האפגוד דערהאלטן א בריף פון זיין געוועזענער היים, אז נארוואוד איז אזוי פאראָרעמט געווארן, אז ער האט ניט מיט וואס א טאג איבערצולעבן, און אז ער האט שוין געמאכט א פארזוך צו באגיין זעלבסטמארד. דערהערנדיק די דאזיקע נייעס, האט דער איידעלער מאן פארגעסן ווי נארוואוד איז זיך מיט אים באגאנגען און האט אים אויף שטיל אוועקגעשיקט א היבשע סומע געלט, פארשפרעכנדיק, אז ער איז גרייט צו העלפן אים מיט נאך געלט, אויב נויטיק. ווען נארוואוד האט געקראגן דאס געלט מיט דעם דערמוטיקנדיקן בריף פון זיין פריינט, האט ער אין דער אנוועזנהייט פון זיין פרוי און קינדער זיך פאנאנדערגעוויינט ווי א קליין קינד און דערביי אויסגעשריען:

— איך בין דער גרעסטער לומפ, וואס האט ווען געלעבט אויף דער וועלט און עס איז גאר אן עבירה צו העלפן אזא מענשן ווי איך! א, ווי נאריש און פארדארבן איך בין געווען, ווי גראב און געמיין איך האב געהאנדלט קעגן אזא איידלמאן ווי מיין פריינט האפגוד. איך האב געקראגן א גוטן לעקסאן און וועל אים אייביק געדיינקען!

אנטעריא גרייפס זיינען הייניקס יאר זייער געראטן; פון גוטער קוואליטעט און נידעריק איז פרייז

די גערעטעניש אויף גרייפס, היינטיקס יאר אין אנטעריא, איז אויסערגעוויינלאך און די קוואליטעט און די גרויס פון די גרייפס זיינען וואונדערבאר. א סך קארלאדס מיט די דאזיקע בארימטע גרייפס זיינען איצט אנגעקומען אין די מערב קאנאדער שטעט און זיי ווערן פארקויפט פאר א מעסיקן פרייז.

די "קענעדיען הארטיקאלטשוראל קאונסיל" און דער אנטעריא גערטנער מארקעט קאונסיל שטיצן די פארשפרייטונג פון די גרייפס און זיי זיינען פאראנטווארטלאך פאר א סעריע אדווערטייזמענטס וואס גיט די נויטיקע איינצלהייטן בנוגע דעם כאראקטער און די מעגלאכקייטן פון דעם דאזיקן פיינעם היימיש־געוואקסענעם פראדוקט.

די קאנאדער באלעבאסטע וועלכע וויל האבן איר אייגענע "גרייפ דזשוס", דזשעלי אדער היימיש־געמאכטן ווייַן, איז פארזיכערט, אז דערמוטיקנדיק די קאנאדער גערטנער, באקומט זי פּאזיטיוו דעם בעסטן סארט פרוכט.

עס איז ראטזאם פאר יעדער באלעבאסטע צו קויפן די גרייפס וואס פרי־דער בולעטין זאגט, אז לויט דער געוויינלאכער פראצעס פון רעאדושאסטמענט גייט אן, זעט זיך, אז א היבש ביסל פראגרעס איז געמאכט געווארן. אבער דער הויפט איינפלוס אין קאמערציעלער וועלט, אין די אנגעשטרענגטע סיטואציע אין אייראפע, צוליב די געדריקטע פינאנציעלע באדינגונגען וואס הערשן דארטן.

ער, ווייל צוליב זייער גוטער קוואליטעט און נידעריקן פרייז וועלן זיי שנעל אויספארקויפט ווערן.

א סך פיינע נייע "רעסיפיס" ווערן אוועקגעגעבן פריי צו די קונים — "רעסיפיס וואס זיינען זייער נוצלאך, ווי אזוי צו מאכן פארשיידענע פרעזערווס פון די דאזיקע פיינע קאנאדער גרייפס.

די אויטאריטעטן פירן אויך אן דריי קאנטעסטן און אין יעדן קאנטעסט ווערן אנגעבאטן קעש פרייזן פאר די בעסטע אריגינעלע אויסגעפרובירטע רעסיפיס פאר דער נוצלאכקייט פון אזעלכע גרייפס. פולע איינצלהייטן וועגן דעם קאן מען באקומען אין די אדווערטייזמענטס און אין די ראדיא בראדקעסטס.

נוצט אנטעריא גרייפס, מאכט פון זיי פארשיידענע מאכלים און געטראנקען און האט הנאה פון דעם זייער פיינעם קאנאדער פראדוקט.

האבא עקס־קעניג פארט אפ אויף א "ווינטער ראטשע"

"קעניג" דזשאזעף לעאן סינאל קאהען לאזארעוויטש, דער "מאנארך פון דעם האבא קעניגרייך" פארט היינט אפ קיין דרום סאסקאטשעוואן וועגן "אפיציעלע ביזנעס" און פון דארטן וועט ער אפפארן אויף א "באקס קאר פולמאן" קיין פלארידא.

נעמענדיק אין אנבאטראכט די איצטיקע דעפרעסיע איז מר. לאזארעוויטש געצוואונגען ארומצופארן, ווייל ער קאן פשוט ניט קריגן קיין באשעפטיקונג. ער האט זיך באקלאגט, אז ער וואלט איצט אפילו פאר קיין געלט ניט געקאנט קויפן דא קיין ארבעט. ער האפט צו קומען צוריק קיין וויניפעג אין פרילינג.

——(::)——

טיפ־טאפ לופט דערבי פריז געוואונען פון א טראנסקאנא פרוי

מיס מאריאן לייסענגער, פון טראנסקאנא, האט געקראגן דעם ערשטן פריז פון $500 פון די טיפ־טאפ טיילארס פון טאראנטא פאר איר אפשאצונג פון דעם געווינענדיקן אוויאטארס צייט אין דעם "טיפ־טאפ עיר דערבי" וואס איז לעצטנס פארגעקומען.

דער דאזיקער עראפלאן "רעיס" איז געווען א פיטשור פון דער קאנאדער נאציאנאלער עקסיבישאן און דער טרעף קאנטעסט בנוגע דעם געווינערס צייט איז געפיטשורט געווארן איבער גאנץ קאנאדע. דורך אן אינטערעסאנטן צופאל איז דער ערשטער און צווייטער פריז געוואונען געווארן פון מאניטאבער תושבים. מרס. ל. גארלאנד, פון סוואן ריווער, האט געוואונען דעם צווייטן פריז פון $250.

רעדוואוד פאבליק מארקעט

רעדוואוד און מיין

העכסטע קוואליטעט אין

פרוכטן, וועדזשעטייבלס, פאולטרי (עופות), פיש, פוטער, מילך, אייער, גראסעריס, קאנפעקשאנערי לייט לאנטשעס, געבעקס פראדוקטן

און א. וו.

פאר אייער באקוועמלאכקייט

געפינט זיך אין מארקעט

א שוחט

קויפט איין דא און שפארט געלט!

שטעלע פארלאנגט

א באי פארלאנגט א שטעלע אין א סטאר, שטאט אדער קאנטרי. האט 4 יאר דערפארונג. גוטע רעפערענסעס. רעדט עטלאכע שפראכן. זיך ווענדן צו 401 סט. דזשאנס עוו. טעל. 55 636.

Classified Section קלאסיפייד סעקשאן

ספּעציעלע פרייזן פאר ארדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג:

איין מאל, 5ס. פער אגייט ליין
פאר א וואך, 20ס. " "
פאר א מאנאט, 75ס. " "
3 מאנאטן, $2.15 אגייט ליין
6 מאנאטן, $4.00 " "
פאר 1 יאר, $7.50 " "

:-: צו פארקויפן :-:
FOR SALE

אן אויסערגעוויינלאכער סנעפ

א נייע באנגאלאו, 5 רומס מיט א סאן רום, אוק פינישינג, אלע מאדערנע איינריכטונגען. פרייז $4,250.

סוויטס צו פאררענטן

פון 2 ביז 5 רומס, אין די בעסטע אפארטמענטס. רענט צו זייער מעסיקע פרייזן. ווען איר דארפט א סוויט אדער א הויז, זעט זיך מיט מיר און איר וועט קריגן די בעסטע דירה צו דעם ביליקסטען פרייז.

געלט צו לייען אויף ביליקן אינטערעסט. אינשורענס פאר אלע צוועקן.

Sheps Agencies Ltd.

804 מיין סטריט

טעלעפאנס 55 761 און 53 807

ביליק ביליק ביליק

אויב עס פעלט אייך עפעס אין הויז זאכן האט איר איצט א געלעגנהייט צו קויפן ביליק, ווייל מיר פארן אוועק דעם 1טן אקטאבער. קומט און קלייבט אויס וואס איר דארפט צו מ. קאלאף 393 קאלעדזש עוועניו.

צו פארקויפן א גארני קיטשען אויוון. זיך ווענדן אין 611 פריטשארד עווע.

:-: צו פארענטן :-:

צו פארענטן א סטאר מיט א וואוינונג, 3 שיינע רומס. ביליק רענט. זיך ווענדן אין 192 ענדריוס סטריט.

צו פארענטן א 4 רום סוויט אין א קליינעם בלאק אויפן ערשטן פלאר, הארדוואוד פלארס, אלע שיינע גרויסע רומס, פאר $45. אויל באהייצונג. זיך ווענדן אין 310 רעדוואוד. פאן 52 608

צו פארענטן א 2 רום סוויט אין א פריוואטער היים. עלעקטרישער אויוון, הייסע וואסער, נוצן פון טעלעפאן. זיך ווענדן אין 236 אטלאנטיק עוועניו, טעלעפאן 51 969.

3 צימערן צו פארענטן אויף א הויכן אפסטערס, ליכטיק און ווארים. רענט ניט טייער. זיך ווענדן אין 572 קאלעדזש עווע., טעלעפאן 53 736.

ספעשל אויף סוויטס

בלויז דריי 4־רום סוויטס, מיט באדרום און האל פארבליבן אין סאלטער בלאק. מוזן פארענט ווערן ביז דעם 1טן אקטאבער. וועלן פארענט ווערן פאר א ספעציעלן פרייז, $30. טעלעפאנירט 52 477. פרעגט זיך נאך אין לאנדערס דראג סטאר.

2 רום סוויט, גרויסע ליכטיקע רומס, געז, עלעקטריק, טעלעפאן און אלע באקוועמלאכקייטן. מעסיקע רענט צו די ריכטיקע שכנים. זיך ווענדן אין 367 טשארלס סטריט.

צו פארענטן דריי רומס, געז אויוון, הייסע וואסער, ניי דעקארירט. זיך ווענדן אין 329 פריטשארד עווע.

טראסטי'ס סייל

סטאק פון מענ'ס און באים קלאדינג און פארנישינגס, ליידיס פאר קאוטס פאר ראבס קאלארס, קעפס, מאונטעד עניכאלס, פיקסטשאס און א. וו., אין וויניפעג, מאניטאבא.

ביז אקשען וועט פארקויפט ווערן אין אפיס פון דער טריידערס טראסט קאמפאני, 400 יוניאן טראסט בילדינג, וויניפעג, פרייטאג דעם 25טן סעפטעמבער, 1931, 11 אזייגער אינדערפרי, צו א רייט אויף'ן דאלאר, דער סטאק און פיקסטשורס וואס באלאנגען צום עסטייט פון שעווריער און סאנס לימיטעד.

לאט נו. 1 —	
סטאק לויטן אינווענטאר,	$16,061.46
פיקסטשורס ארום ----	3,500.00
	$19,561.46
לאט נו. 2 —	
מאונטעד עניכאלס ------	$375.00
לאט נו. 3 —	
צוגעגעבענע פיקסטשורס אויף ארום ---------	$1,500.00

טערמס: קעש, אדער איין־פערטל קעש, באלאנס אין צוויי, פיר און זעקס מאנאטן, מיט אינטערעסט צו דעם רייט פון זיבן פראצענט פער אנום געזיכערט. דעם סטאק קאן מען באטראכטען אויפ'ן פלאץ אין 271 פארטעדזש עוועניו, וויניפעג. דעם אינווענטאר און אנדער אינפארמאציע קאן מען באקומען ווענדנדיק זיך אין אפיס פון די אונטערגעצייכנטע.

דאטירט אין וויניפעג, מאניטאבא, דעם 18טן סעפטעמבער, 1931.

THE TRADERS TRUST CO.
Union Trust Building
Winnipeg

פאר ערשט קלאסיקע
האלץ און קוילן
ווענדעט זיך צו
סימקינס טראנספער
איך פארזיכער אייך מיט פולער צופרידנהייט
אין אלע אנגעלעגנהייטן פון
מופן און טראנספער ארבעט
טעלעפאנירט 52 540
Simkin's Transfer
456 STELLA AVE.
Phone 52 540

:-: פערזענלאכעס :-:
PERSONAL

וואלץ און נייסטער פאקס טראט, גאראנטירטער קורס $5.00. טעפ דענסינג קלאסן פאר ביזנעס מיידלאך, קלאסן פאר קינדער.

פראפעסאר און מיס סקאט
LYCEUM PRIVATE STUDIO
Phone 88 106

היים און אפיס פארניטשור פארלאנגט
פאר מזומן געלט.
KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

מעדיצינישער מאסאזש
מרס. ה. ערעל־סאלאווי
פראפעסיאנעלע מאסאזשיסט, אויסגעפרובירטער דערפאלג אין באהאנדלען פאראליזעס און אלע פארמעס פון רומאטיזם.
838 SOMERSET BLOCK
Ph. 88 066 Res. 56 766

מואווינג פעקינג
קרייטינג שיפינג
25 817 — מינימום — 25 817
National Cartage & Storage Ltd.

שפיזן פעקלאך קיין רוסלאנד

דיוטי פריי דעליווערט. קומט אדער שרייבט פאר פרייזן ליסט. שיפסקארטען. טעלעפאן 54 087.

G. P. FRIESON
178 Burrows Ave., Winnipeg, Man.

LIGHTFOOT TRANSFER COMPANY
פארניטשור און פיאנא מואווינג
341 BANNATYNE AVE.
PHONE 86 067; Evgs. 23 258

מיר באטן אייך אן די דאזיקע באדינונגען:

אוטא טראנספארטאציע. קארס פארן אפ טעגלאך אין יעדער דירעקציע. פארזיכערט זיך מיט אייערע רעזערוואציעס אין פאראויס.

פרענטש פאלישינג
פארניטשור פאררעכט און
• איבערגעפאלישט
פיאנאס פאררעכט און אנגעטיונט
ראדיא סערוויסעס, פאררעכט און
עריאלס אויפגעשטעלט
ארדער איידזשענסי פאר וואוד'ס קוילן
קאמפאני — קוילן, קאוק און האלץ.
CANADIAN & AMERICAN AUTO TRANSPORTATION BUREAU
382 Donald St. Phone 86 139

ספעשל
רעדוצירטע פרייזן
אויף הענט פיינטעד לאמפ שיידס ברידזש לאמפן, פלאר לאמפן און טשעסטערפילד דאלס
מיר גיבן א "דאר סטאפער" פריי מיט יעדן פלאר לאמפ.
א פידזשאמא בעג פריי מיט יעדן ברידזש לאמפ
לייכטע טערמס אויב פארלאנגט
מרס. סטעדלער
852 מיין סטריט. ארום ראפערין
טעלעפאן 54 641

אינשורענס
די עלטסטע און ראיעלסטע לעבנס פייער און אוטאמאביל קאמפאניס
ריל עסטייט
שנעלע, ארענטלאכע באהאנדלונג פאר קויפער און פארקויפער. מארטגעדזשעס און לאאנס אונזער ספעציאליטעט
שיפס קארטן און געלט שיקונג
דורך "באלטיק אמעריקא ליין"
געשעפט געלעגנהייטן
דער גרעסטער אויסוואל פון גוטע געשעפטן אין שטאט און אין קאנטרי. עס וועט זיך אייך באצאלן זעען
ח. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 Main St. Phone 51 000

אינטעליגענטער מאן, פיינער כאראקטער, זוכט די באקאנטשאפט מיט א מיטליאריקער פרוי פון שיינעם אויסזעען און איידעלן כאראקטער. אן קינדער. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 7390.

:-: צו פארענטן :-:
FOR RENT

3 און 4 רום סוויטס צו פארענטן אין יוראפיען בלאק. הייסע וואסער טאג און נאכט. ביליק רענט. זיך ווענדן אין 203 מעקגרעגאר סטריט.

באלטיק אפארטמענטס
קאר. אייקינס און מאניטאבא
צו פארענטן 3 און 4 רום סוויטס שיין דעקארירט, סקרינד באלקאנים רענט רעדוצירט זיך ווענדן צום קערטייקער, סוויט "די", טעלעפאן 56 668.

צו פארענטן צוויי אדער דריי רומס מיט אלע באקוועמלאכקייטן. זיך ווענדען אין 317 סט. דזשאנס עווע.

סוויט צו פארענטן

ראמאנא קאורט, 269 פריטשארד עוו. 3 רומס און באד אין מאדערנעם בלאק. עלעקטריק רענדזש. $32 ביז $41 א מאנאט. קאן אריינמופן דעם 1טן אקטאבער. זיך ווענדן צום קערטייקער.

RAMONA COURT
269 PRITCHARD AVE.